NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08712

FAR KINDER UN KINDSKINDER

B. Meshman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08712-2

9780657087128T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פאַר קינדער
און
קינדסקינדער

ב. מעשמאן

ארויסגעגעבן פון דער יעקב דינעזאָן פאָלק שול
פילאַדעלפיא, 1947

איך וויל אויסדריקן א הארציקן דאנק דער פארוואלטונג פון דער יעקב דינעזאָן פאָלק-שול, דאָ אין פילאדעלפיא, פאר דער פיינער מיטהילף, וואָס זיי האָבן בייגעטראָגן, סיי פינאנציעל און סיי מא-ראליש צו דער ארויסגעבונג פון דעם בוך „קינדער לידער".

דער ערשטער דאנק קומט אונזער זייער פייהיקן לערער און לי-טעראט, א. ל. בערקאָוויץ, פאר דער גראנדיעזער ארבעט, וואָס ער האָט צוגעטראָגן צו דער ארויסגאבע פון דעם בוך, דער צווייטער דאנק קומט, חבר טוביה בראדסקי, וועלכער האָט בייגעשטייערט דעם מא-טעריאל און איינבונד פון בוך. אבסאלוט פריי, און ניט קיין קלענערן דאנק קומט דעם גאנצן קאָמיטעט, וועלכער איז פון דער שול בא-שטימט געוואָרן, ספעציעל פאר אָט דעם צוועק.

דער קאָמיטעט באשטייט פון די פאָלגענדע חברים און חברות :

חברים :	חברות :
ד. לאפידא, פארזיצער	ב. ליבערגאל, סעקרעטארין
שמואל עלסטער, קאסירער	ראזע בראדסקי
טוביה בראדסקי	ס. קעסלער
ש. שווארץ	רחל שרייבמאן
ל. הערמאן	פעני טעקסי
י. מאזעס	א. נארין
מ. טעלעם	לאה הערמאן
פ. זאלאטניצקי	
חיים אטלאס	

איך דאנק אויך די אנדערע חברים און חברות, סיי פון די אנ-דערע שולן און אויך פון אונזער שול, פאר אלץ, וואָס זיי האָבן צו דער ארבעט צוגעטראָגן.

אויך אַ דאַנק די צוויי קינסטלער וואָס האָבען באשיינט דעם בוך מיט זייער קינסטלערישען בייטראג, חבר ש. טאופער, פאר דער שער בלאט און חבר לעאָן קאהען פאר דער בילד.

דער מחבר.

באמערקונג :

אין דעם בוך זיינען אָפּגעדרוקט פינף און אכציג לידער. אין דער זאמלונג גייען אריין פופצען לידער, וועלכע זיינען אמאָל דערשינען אין א קליינער בראשור, און וועלכע האָט צוליב געוויסע סבות, זייער ווייניק געקענט פארשפרייט ווערן. די אנדערע זיבעציק לידער זיינען נאָך אין ערגעץ ניט פארעפענטלעכט געוואָרן.

ב. מ.

דאָס רעכט איבער צודרוקן די לידער געערט
צו דער יעקב דינעזאָן פאָלק שול
4035 וו. דזשיראַרד עוו.
פילאדעלפיא, פּא.

קאפּירייטעט ביי ב. מעשמאן.

ADIS-HIRSH PRINTERS

א ווארט פון מחבר

אלס מחבר פון די לידער ווילט זיך מיר זאָגן א פּאָר ווערטער און מאכן א פּאָר דערקלערונגען וועגן מיין צוגאנג צו קינדער-פּאָעזיע אין דער היינטיקער צייט: ס'איז שוין, נאָך מיין מיינונג, אוועק די צייט ווען מע האָט געשטאָפּט די קינדער מיט מיסטעריעזער געפליגלטקייט, מיט כישוף מעשיות פון קיסרים ניט געשטויגענע, מיט קייסעריניעס ניט געפלויגענע; פּרינצן און פּרינצעסינס נעבאכדיקע, וועלכע זיינען דורך אַ פאַרכישופטן צופאל פאַרלוירן געגאנגען און דער גוטער מלאך האָט זיי באַגלייט דורך דער גאנצער צייט פון זייער פאַרלוירענקייט, און צום סוף זיי צוריק געבראַכט צו זייער, פון גאָט באַשטימטן, שטאַנד.

ס'איז שוין אויך אַוועק די צייט פון די גוטע מלאכים, וואָס ברענגען גוטס צו די גוטע מענטשן און פאַרקערט, שלעכטס צו די רשעים. אויך איז אוועק די צייט פון גאָלדענע פּאַוועס און הענער מיט גאָלדענע פעדערן. אונזערע קינדער לעבן ניט מער אין דער פאַרכישופטער וועלט פון גאָלדענע פּאַלאַצן און זילבערנע קאַרעטן מיט פייערדיקע פערד. . .

אונזערע קינדער, היינט צו טאָג זיינען רעאַליסטן. זיי גלויבן ניט אין די זאַכן. זיי ווייסן, אַז איצט אין אַ צייט פון „סטרימליין באַנען", פון בליץ-שנעל פליענדיקע עראָפּלאַנען, שנעל שיסנדיקע ראַקעטן און אַטאָם-באָמבעס, און איר קענט זיי אין דער אַלטער פאַרכשופטער וועלט צוריק ניט אַריינציען. איר מוזט מיט זיי רעדן מענטשלעך, אויב איר ווילט זיי זאָלן אייך גלויבן און מיט אייך איינשטימען. דער גאַנצער טאָן פון דער אַמאָליקער קינדער-ליטעראַטור, איז שוין מער צו אונזער יונגן דור ניט צוגעפּאַסט. אונזערע יונגע קינדער זיינען ניט מער די אַמאָליקע קינדער, זיי זיינען קליינע מענטשן מיט, פון זייער שטאַנד-פּונקט, א העכערן באַגריף פון מענטשן און זאַכן איר וועט זיי ניט איינרעדן, אַז אַן אַלטע פרוי האָט געקענט וואוינען אין א שוך, אָדער, אַז אליהו הנביא האָט פינסטער געמאַכט ביים שלעכטן גביר און ליכטיק געמאַכט ביים גוטן אָרימאַן. זיי זיינען רעאַליסטיש גענוג צו וויסן אַז ביים קבצן איז אַלעמאָל פינסטער און, אַז ביים גביר איז אַלעמאָל ליכטיק, און אַז איר זאָגט זיי אַנדערש, האַלטן זיי אייך, אין בעסטן פאַל. פאַר א שוטה, און וואָס נאָך ערגער פאַר א ליגנער. . .

איך בין אַ נאָהענטער מענטש צו די וועלטלעכע שולן, שוין אַ לענגערע צייט. איך האָב אויסגענוצט מיין פרייע צייט, ווען נאָר מעגלעך, זיך באַפרייענדיק פון מיין ארבעט, בייצוואוואוינען די למודים אין אונזערע שולן, און טו דאָס אויך איצט. אויסנוצנדיק אָט די געלעגנהייט, האָב איך פּרובירט זיך אריינלעבן אין דער וועלט פון די קינדער און בעאָבאכטעט, אויף וויפיל מיין אויג האָט געקענט כאַפּן, אז היינטיקע קינדער זיינען מענטשן אין מיניאטור, ווייט אריבער געוואקסן דעם מיראזש-באַגריף פון די אמאָליקע קינדער, כאָטש אין פיל הינזיכטן זיינען די היינטיקע קינדער אויך טרוימער, פאַנטאַזיאָרן און איבערטרייבער, איז דאָס אבער אין אזא מאָס, וועלכע איז אין איינקלאנג מיט אונזער היינטיקן רעאַליזם.

דאָס האָב איך געזען און דאָס האָב איך געלערנט און איך לייג דאָ פאָר פאר דעם לייענער דעם רעזולטאַט פון מיינע לאנג-יאָריקע בעאָבאכטונגען און זאָל דער לייענער זיין דער פוסק אחרון.

ב. מעשמאַן

אריינפיר

פון א. ל. בערקאוויץ

אין דער איצטיקער פעריאָדע פון חורבן און יאוש, ווען שונאים און אפילו פריינט זאָגן אונז אָפּ דאָס לעבן, איז דאָס זיכער א פריידיקע דערשיינונג ווען אונזער קולטור ווערט באריירערט מיט א ניי ווערק, איבערהויפּט ווען דאָס ווערק איז געצילט און געשאפן פאר אונזערע גרעסטע מיוחסים, די תינוקות של בית רבן, פאר אונזערע קינדער ווענן.

עס איז א פארדריסלעכע דערשיינונג, וואָס אונזער אידישע ליטעראטור, וועלכע איז שוין לאנג ארויס אויף די ברייטע שליאכן און שפּרייזט פאראויס מיט זיכערע און ברייטע טריט און קען זיך שוין פארגלייכן מיט א סך וועלט ליטעראטורן, איז אבער אויף דעם געביט פון קינדער ליטעראטור געבליבן גאנץ הינטערשטעליג.

ביי אנדערע אומות העולם פארנעמט די קינדער וועלט, מיט איר נאאיוויטעט, אירע חלומות, מיט איר ערלעכקייט און טוגנד, א גאנץ באַזונדערן און חשוב׳ן ארט. זי ווערט געפארשט פון פסיכאָלאָגן און פּעדאגאגן און פאר דיכטער באזיצט אָט די וועלט אַ באַזונדערן רייץ און זי לאקט אים און וועקט ביי אים אַ באַזונדערן אינטערעס.

נאָר ביי אונז זיינען נאָך דערווייל דאָ זייער ווייניק פאָרשער און דיכטער, וועלכע זאָלן באזיצן די ספּעציעלע אייגענשאפט, ווילן און ליבע זיך ארונטער צולאָזן אין די טיפע און אינטערעסאנטע לאבירינטן פון דער כשופדיקער קינדער-וועלט, זי אויספאָרשן און באריירערן.

דערפאר טאקע איז דאָס א דאָפּלטע פרייד ווען עס געפינט זיך איינער וועלכע באזיצט די אייגענשפט און איבערהויפט די גרויסע ליבע פאר יעדן קינדערשן מאניער, פאר יעדן קינדערשן שמייכל, פאַר דעם קינדערשן הילכיקן געלעכטער, פאַר זייערע שטיפערייען און קען זיך אַריינלעבן אין זייער וועלט און ווערן איינער פון זיי.

די קינדער וועלט ביי ב. מעשמאן איז גאָר אַ באַזונדערע ממשלה, וועלכע ער האלט באַזונדער פאר זיי, פאַר די קינדערלעך, און ער היט זי, אז עס זאָל חלילה אויף איר קיין שטייבעלע ניט פאלן, זי זאָל חלילה ניט פארשוועכט ווערן פון דער פאלשקייט, פון דער היפאקריטסטווא, וואָס הערשט אין דער היינטיקער וועלט, פון דעם ביטערן פעסימיזם און פערזענליכע אנטוישונג, וועלכע קומען צום אויסדרוק אין זיינע אנדערע

לידער, וואָס ער שרייבט, פאַר אונז, דערוואַקסענע. דערנעענטערט ער זיך צו אָט דער וועלט, ווערט אָט דער אנטוישטער פעסימיסט פאַרוואַנדלט אין דעם גרעסטן אָפּטימיסט, פול מיט פרייד, זוניקייט, פאַרשטענדעניש פאַר די קינדערשע פּראָבלעמען, זייערע ליידן און פריידן, מיט־שפּיל און מיט־געפיל, באַגלייטענדיק זיי אויף זייערע אַלע וועגלעך און שטעגלעך. אין די אויגעלעך פון די „משה׳לאַך" און „שלמה׳לעך", זעט ער נייע ליכטיקע וועלטן, וועלכע זאָגן פאָראויס, אויף דעם נצח ישראל.

די נאַטירלעכע באַשיידענקייט פון דעם דיכטער איז דער שליסל צו דעם טאָן, וואָס ער שלאָגט אָן אין די לידער. זייער טאָן איז פריי פון דעם הויך פּאָעטישן פּאָמפּ און אָנשטעל, און דאָס איז אפשר זייער גרעסטע מעלה, וואָס זיי זיינען פשוט בתכלית הפשטות.

די מערסטע לידער זיינען פון דער טאָג־טעגלעכער אַרומיקער וועלט פון דעם קינד, איבערהויפּט צוגענגלאַך און פאַרשטענדלעך און נאָענט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם אַמעריקאַנער קינד, וועמענס סביבה איז פאַרט אַן אַנדערע ווי די פון דעם אייראָפּייאישן קינד.

אמת, עס איז אַ ביסל שווערלעך אין גאַנצן איינצושטימען מיט דעם מחבר מיט זיין ספּעציפישן צוגאַנג צו דעם אַמעריקאַנער קינד, וועלכער איז אַ פּראָדוקט פון דער איצטיקער טעכנאָלאָגישער פּעריאָדע.

די טעזע, וואָס דער דיכטער אַנטוויקלט אין זיין „אַ וואָרט פון מחבר", אַנטהאַלט נאָר אַ טיילווייזן אמת. זיין טעזע איז אַנטיפּעדאַגאָגיש און איז פּסיכאָלאָגיש ניט אויסגעהאַלטן, ווייל אין תוך גענומען בלייבט אַ קינד אַלעמאָל, און אומעטום אַ קינד, טיף פאַרוואָרצלט אין זיין פאַרכישופטער קינדער־וועלט און אין זיינע קינדערשע חלומות.

ווי האָט אַמאָל געזאָגט וואָלטעיר אויב ס׳וואָלט אפילו ניט געווען קיין גאָט, וואָלט מען אים געדאַרפט אויסטראַכטן — — — אויב עס זאָל טאַקע זיין אין גאַנצן אמת, וואָס דער מחבר האַלט, וואָלט מען זיך געמוזט אָנשטרענגען מיט אַלע כוחות און מיט אַלע מיטלען און שאַפן און אויפהאַלטן אָט די וועלט, כדי ניט צו באַרויבן דאָס קינד פון זיין שענסטען, נאָבעלסטן און דערהאָבענעם טייל פון זיין לעבן, פון זיינע שיינע אויסגעחלומטע וועלטן, זיינע קינדער־יאָרן.

און דער בעסטער באַווייז, אַז דעם דיכטערס בליק איז ניט אין גאַנצן אויסגעהאַלטן אין אָט דער הינזיכט, איז טאַקע דער מחבר אַליין. ווייל ווי אַנדערש וואָלט ער, אַ דערוואַקסענער, געהאַט דעם כּוח זיך אַזוי פיין אַריינצולעבן אין דער וועלט פון דעם קינד, און זיך אַליין פאַרגעסן, אַז מיר לעבן אין אַ וועלט פון שנעל-פליענדיקע עראָפּלאַנען, ראַדאַר און אַטאָם-באָמבעס.

צוליב אָט דעם, ספּעציפישן צוגאַנג ווערט טאַקע דער מחבר, צייטנווייז, געשטרויכלט אין אַן איבערטריבענעם רעאַליזם, ווייל די פראַגע איז צי ווייסט טאַקע די קליינע מאַלי, אַז — — — „קומען וועט דער חתן אין לויף פון די יאָרן, דערווייל איז נאָך מיין חתן נאָך ניט געבאָרן געוואָרן".

מ'מוז דאָ אָבער צו געבן, אַז דאָס איז אַן אויסנאַם. בדרך כּלל זיינען דער גרעסטער טייל פון די לידער אין „באַן-טאַן! אויסגעהאַלטן, און ווי דערמאָנט, נאָענט צו דער פּסיכאָלאָגיע פון אַמעריקאַנעם קינד.

דער לעקסישער מאַטעריאַל איז פון איין זייט, גאַנץ רייך און פאַרשידענאַרטיק, אָבער ניט פרעמד און צוגענגלעך פאַרן אַמעריקאַנעם קינד, פריי פון רוסיפיציזמען און אַנדערע לאָקאַליזמען.

די טעמאַטיק איז דאָ פאַרשידענאַרטיק און נעמט אַרום די גאַנצע אַרומיקע סביבה, אין וועלכער דאָס קינד געפינט זיך.

געטריי צו זיין דער טעאָריע, וויקלט דער מחבר פאַר אונז פונאַנדער די קינדער וועלט און זוכט צו באַווייזן, אַז אייגנטלעך איז אָט די וועלט אין אַ סך אופנים, ענלעך צו דער וועלט פון די דערוואַקסענע, מיט אַ סך פון זייערע שוואַכקייטן; — — — פוסטער שטאָלץ; קנאה; באַרימערייַ; אַפּנאַרערייַ און נאָכמאַכונג. עס דאַרף הייסן, אַז דער הויפּט געדאַנק איז: „קליינע קייען, וואָס גרויסע שפייען".

ווייל מען זיך אָבער אַריינטראַכטן אַביסל טיפער און זיך דערגרונטעווען צו דעם אונטערליגנדן מאָטיוו, צו דער עצם נשמה פון דעם דיכטער, געפינען מיר אין זיי דריי הויפּט אונטערליגנדיקע מאָטיוון: — —

1) דער דיכטער, וועלכער איז אַ גאַנץ אינטעליגענטער איד און האָט דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ סך אידישע אינטעליגענטן, אין דעם אַמאָליקן קליינעם רוסישן שטעטל, האַלט, אַז אַ מענטש קען פאַרשעמען

א מלאכה, אָבער מלאכה קען קיינמאָל ניט פארשעמען דעם מענטשן, און ער שעמט זיך ניט מיט זיין מלאכה — — — סטאלעריי — — —, פונקט ווי יוחנן הסנדלר, אָדער א יצחק נפהא האָבן זיך ניט געשעמט מיט זייערע מלאכות. דערפאר טאקע גיט ער אָפּ אזא חשובן פלאץ אין זיינע לידער צו פארשידענע מלאכות, ווי „דער זייגער מאכער": „עליקל שוסטער"; „קליין שניידערל"; „דער שמיד".

2) יאה עניותא לישראל — — — די טאָג-טעגלעכע זאָרג און דאגות, די פארשידענע פראבלעמען, וועלכע שווימען ארויף אין דער אידישער היים און באווירקן אויך דעם קינדס לעבן, ווערן דאָ ארויס־געבראכט אין דעם טאָן און גייסט, אַז אָרימקייט איז ניט קיין שאנד. איבער אָט די לידער ליגט אויסגעגאסן א ספּעציפישער אידישער חן, פון דער אמאָליקער אידילישקייט.

דער אונטערליגענדיקער טאָן אין אָט די לידער איז ניט אזא, וואָס שאפט פארדרוס, ערגערניש און רייבונגען נאָר פון א שמח בחלקי כאראקטער און רופט ארויס טיפע סימפּאטיע צווישן קינד און עלטערן, און אויך א געוויסע מאָס אחריות מצד דאָס קינד.

אָבער דער עיקר כל העיקרים, דער הויפּט אונטערליגנדיקער מאטיוו, כמעט פון אלע לידער, איז דער ליבשאפט מאטיוו: ליבשאפט צווישן קינד און עלטערן; צווישן איין חבר און צווייטן און אפילו ליב־שאפט צווישן קינד און חיה — — — אָט די ליבשאפט שפּיגלט זיך אָפּ, אָן אויסנאם אין אלע לידער, און דאָס איז נאָר צוליב דער אויסער־געוויינליכער ליבע, וואָס דער דיכטער טראָגט, אין זיין הארצן און נשמה, צו דעם אידישן קינד — — — ליבשאפט, וועלכע דארף פירן צו איין ציל: — — —

איך וויל אייך קינדער עפּעס זאָגן:
עפּעס וויל איך דאָך פארמאגן.

כוויל פארמאגן גרויסע אויגן
פול מיט זונענשיין אנגעזויגן.

כוויל פארמאגן זיסע ליפּן
סזאָל טרייסט און פרייד צו זיי זיך קלעפּן.

כוויל פארמאגן לוסט און שיינקייט,
איינגעהילט אין מארגן ריינקייט.

כוויל פארמאגן די אלע זאכן,
כדי א גוטן מענטשן פון זיך צו מאכן . . . .

דער זיידע און די אייניקלאך

גאר נישט געהאט
און גארנישט פארלארן,
דאך בין איך רייכער פון רייכן
וואלט איך אייך געשווארן.

כהאב מיינע זין
כהאב מיינע טעכטער,
וואס פילן מיר אן
דאס הויז מיט געלעכטער.

כהאב מיינע אייניקלאך
זאלן זיך פרוכפערן, מערן,
זייער פלאפלען און בעבען,
זאל מיר גאט ניט פארשטערן.

אַ סטאָליאַר

קליין אַברהמל איז אַ סטאָליער
ער האָט אַלערליי געציינן,
קען ער די מלאכה
אין אַלע אירע צווייגן.

מאַכט ער שיינע טישעלעך
און שייניקע ביינקלעך,
פאַר דער מאַמען אין קיך
מאַכט ער שאַפּקעלעך און שיינקלעך

ער מאַכט איר אויך אַ לאָקשן ברעט
צו קאַטשען טייג פאַר קרעפּלעך,
קלאַפּט ער איר טשוועקעס אָן
אויף אויפצוהענגען טעפּלעך.

קליין אַברהמל האָט קיין צייט
פאַר שטיפעריי און פאַר שפּיצלעך,
ווייל ער דאַרף אין הויז
זיך מאַכן שטענדיק נוצלעך.

דער זייגער-מאכער

זעליקל איז א אינגעלע
און אמתער בר דעת,
פארשטייט ער אז דאָס לעבן
איז נאָר שוין ניט קיין שפּאס.

ער ווייסט א מענטש דאַרף אַרבעטן,
זיך מאַכן שטענדיק נוצליך,
נעמט ער טאַטנס זייגערל,
און צעשרויפט דאָס אויף פּיצ-פּיצלעך.

האָט ער א גאַנץ בערגעלע
פון רעדעלעך און שרייפעלעך,
ווי דאָס צוריק צוזאַמענשטעלן
איז כמעט אים אומבאַגרייפלעך.

נאָר זעליקל איז א מייסטערל,
אזוי זאָגט אויך זיין מאַמע,
ווערט ער שוין דאָס זייגערל
גוט מאַכן מסתמא.

פארטיפט ער זיך אין זייגערל,
שטעלט רעדעלע צו שרייפל,
אז דאָס זייגערל וועט גיין
איז גאָר ביי אים קיין צווייפל.

ארבעט ער אָן אויפער
שעה'ן גאנצע פיר,
און דאָס זייגערל פון אָרט
גיט זיך ניט קיין ריר.

ארבעט ער אויף זייגערל
כמעט ביז האלבער נאכט,
ביז ער האָט דאָס זייגערל
אין אָרדנונג געבראכט.

נאָר איין חסרון האָט דאָס,
ס'האָט זעליקל קיין גליק,
די ווייזערלעך נעבאך
דרייען זיך אויף צוריק.

דער שוואַרצער אינגעלע

דזשאַני איז אַ אינגעלע
פֿון דער שוואַרצער ראַסע,
פּוצט ער שטענדיק פֿרעמדע שיך,
און קלײַבט אַ גאַנצע קאַסע.

מאַכט ער יעדן טאָג
ניקלס כמעט צוואַנציק;
קומט אַ היים אַ גליקלעכער,
די שוואַרצע אויגן גלאַנציק.

טראָגט אין האַנט אַ קעסטעלע
אָן אײגן־האַנט געמאַכטע,
שרײַבט אויף איר אָן אויפשריפטן,
אַלײן פֿון קאָפּ פֿאַרטראַכטע.

קומען מענטשן צו אים צו,
באַוואונדערן זײַן קעסטעלע,
פּוצט מען זיך די שיך בײַ אים,
און ער קלײַבט ניקלס אין זײַן וועסטעלע.

האָט ער מסחר־פֿײַאיקײט
וואָס איז זיכער שווער צו גלייבן,
לעבט ער מיט זײַן שוועסטערל,
ווי שטילינקע צוויי טויבן.

קלײַבט שוועסטערל די ניקעלעך
יעדן טאָג בײַ צוואַנציק,
קוקן פֿיר אויגעלעך זיך אָן
שימערירנדיק און גלאַנציק.

עליק׳על שוסטער

ס׳וויל עליקעל א שוסטער זיין
ס׳גייט פשוט אים אין לעבען,
האָט ער ביי קינדערלאך אין נאס
אלטע שיך צונויפגעקליבען.

האָט ער א ווערקשאפט זיך געמאכט
פון א ברעטעל מיט פיר שטעקלאך,
און האָט א האמער זיך פארשאפט
אויף צו קלאפען פלעקלאך.

אלע זאכען איינגעשטעלט.
כמעט א קעלער א פולן,
איין זאך וואָס אים פעלט נאָך איז,
א פאָר אייזערנע קאפולן.

קריגט ער נאָר קאפולן צוויי,
ווערט ער א בעל-מלאכה,
און פון זיין ארבעט וועט געווים
אין הויז זיין מזל-ברכה.

קליין משהלע, קליין שניידערל

אז משהלע איז א שניידערל
מענט איר אלע וויסן,
דערפאר זיינען זיינע קליידער
קיינמאָל ניט צעריסן.

פאררי‍כט ער זיך אפילו
זיינע שבתדיקע בגדים,
און ער ווייסט ווי אָנצוגיין
מיט א נאָדל און א פאָדים.

פרעסט ער אוים די קליידעלעך
פון זיין קלייניגקער שוועסטער
און ביי דער מאמען אין די אויגן
איז ער דער שניידער דער בעסטער

משהלעס טאטע איז אויך א שניידער
און דאָס איז אויך געווען דער זיידע
און משהלע האָט זיך אויסגעלערנט
די מלאכה פון זיי ביידע.

באם טאטן אויפנייען א בגד
האָט ניט קיין באדייט,
פאר די איינגענע קינדער אָבער —
האָט ער קיינמאָל ניט קיין צייט.

דער שמיד

א שמיד צו זיין איז א חיות
א שמיד צו זיין איז א גליק,
צו האבן אזעלכע מוסקולן שטארקע
אדערן ווי שטריק.

צו קענען אזא האמער הויבן
און בייקומען דאָס אייזן
דאָס קען נאָר אזא גבור
מיט שטארקע הענט באווייזן.

איז משהלע מקנא
מאטיע קאָוואל אויף זיין פאך,
לויפט ער צו צו יוסלען
און גיט אזוי צו אים א מאך:

בוויל א שמיד זיין יוסל
דאָס איז מיין באגער,
צו הויבען אזא האמער
וואָס איז אזוי וואגעדיק און שווער.

צו געבן יעדן זעץ אין אייזן
אז דער האמער זאָל פארזינקען,
און פון אלע זייטן זאָלן פליען
גאָלדיק פייערדיקע פונקען.

קליינער גאָלדשמיד שייקעלע

גאָלד, זאָגט מיר שייקעלע
איז גאר ביי אים ניט טייער,
קרינט דאָס נאָר ביי אים א ווערט
ווען ער צעשמעלצט דאָס אויפן פייער.

ער גיסט דאָס דאן אין פורעמלאך
געמאכט פון זאמד און ערד,
באשאפן ווערט א מענטשעלע,
אויף א שלאנקן פערד.

גיסט ער אוים א וועוריקל
און אויך א שיינינק פוקסל,
קען ער אויך א שווערדל מאכן
און איז א מייסטער אויף א ביקסל.

א גאָלדשמיד איז שייקעלע
א קינסטלער אין זיין פאך,
ס׳האט גאָלד בא אים א ווערט נאָר דאן,
ווען ער מאכט דערפון א זאך.

דער קליינער בעקער

כ׳בין א בעקער, זאָגט מיר מאטל
און ווינקט צו מיט אן איינגל,
כ׳קען שוין פלעכטן קוילעטשלעך
און איך קען אויך באקן בייגל.

אויך קאָרן ברויט איז מיר ניט שווער
און אלע סאָרטן לעקעך,
און אין ראשטשינע די הענט
ווען מען דארף נאָר שטעק איך.

שטיי איך בא דעם אויוון
און זעץ אריין די לעבלאך,
און פון דער ווייטנס זעט דאָס אוים
ווי שורות ווייסע בעבלאך.

בין איך כמעט א בעקער שוין
אזוי זאָגט מיר דער טאטע
שלעכט איז נאָר וואָס קיין שבירות
קריג איך ניט לעת-עתה.

בערעלע קענער

א סך מלאכות קען בערעלע
און טוט טאקע פיל זאכן
פאנגט ער נאָך פון גאנץ פרי אָן
אין שטוב זיך נוצליך מאכן.

לויפט ער גאנץ פרי צום אויוון צו
באטראכט פון גאז די ברענער
נעמט זיך צו דער ארבעט באלד,
ווי גאָר א גרויסער קענער.

שטאפט ער אוים די לעכלעך
גיסט אויל אין די קרענטלעך,
שנעל ארבעטן די פינגערלאך
גליטשן זיך די הענטלעך.

קומט מאמע פון דער בעט אראָפ
ווארפט אויף איר זון די בליקן
און זיין ארבעט און פארשטאנד
טוט איר הארץ דערקוויקן.

בוי איך מיר א שטיבעלע

בוי איך מיר א שטיבעלע
כווים שוין צוליב וואס,
לייג איך א פונדאמענטל
אט דאָ אָ, צווישן גראָז.

ווארף איך איבער באלקענדלעך
פון איין וואנט ביז דער צווייטער
שנייד איך דורך א וועג צום שטאט,
כאטש א ביסל א צעדרייטער.

מאך איך אין פראנט א טירעלע
פון ביידע זייטן פענסטער,
קוועל איך אָן פון בנינ׳דל,
ער איז בא מיר דער שענסטער.

פריי איך זיך און טאנץ ארום
ס׳איז אלצדינג אצע טאצע,
בארים איך זיך פאר אלע קינדערלאך,
אז דאס איז אייגענע פראצע.

בערעלע מייסטער

ער איז א מייסטער בערעלע,
הערט זיך צו מיט קאפּ —
בויט ער אוים א שטיבעלע
פון אן אלטן טאפּ.

דער טאפּ אן אלטער, בלעכענער
נעמט אים בערעלע אין די הענט
מיט צען מינוטן שפּעטער
וואלט איר אים שוין ניט דערקענט.

קיין האלב ארבעט פאר א נאר טאר מען ניט ווייזן
און זאל דאס ניט זיין אונז צו שאנדע
איידער מיר קוקן זיך ארום
ער האט שוין געמאכט א וועראנדע.

צוויי טירן, צוויי פענסטער
און א דאך אויפן קאפּ
וואקסט א הייזקע א פּראכט
פון א צעבראכענעם טאפּ.

נאר איין זאך פעלט דעם שטיבל
א פונדאמענט אין דער ערד
און א הויז אן א פונדאמענט
האָט קיין סענט ניט די ווערט . . .

פישעלע מיט דעם טישעלע

ס'האט פישעלע א טישעלע
א קליינינקס אויפגעמאכט,
ווען ער האָט געבראכט אין שול דאָס,
האָבן אַלע זיך צעלאכט.

וואָס לאכן זיי דאָס אלע?
האָט פישעלע געטראכט,
האָט ער דאָ א טעות
ערגעץ וואו געמאכט?

ס'האט דאָס טישעלע פיר פיסעלעך,
פיר זייטעלעך — א בלאט,
זיכער אז קיין טעות
האָט ער ניט געהאט.

נאָר עפּעס מוז דאָך פאַרט זיין,
עפּעס מוז זיין דאָ שלעכט,
וועט ער נעמען דאָס אַ היים צוריק
און מאכן דאָס צערעכט.

שטעלט ער דאָס פון וויטן,
און קוקט זיך גוט ארום,
זעט ער, אז אלע פיסעלעך
שטייען אין דער קרום.

איז פישעלע א מייסטער
א טעות גוט צו מאכן,
זיכער, אז די קינדערלעך
וועלן פון אים שוין מער ניט לאכן.

א װעגעלע מיט רעדלעך

א װעגעלע מיט רעדלעך
האט מײן טאטע מיר געקױפט,
האָב איך גענומען און אויף שטיקלעך
דאָס באַלד טאַקע צעשרױפט.

רעדעלעך באַזונדער
שרײפעלאַך און פלעקלאַך,
באַזונדער אױך די זײטלאַך
אַקסעלאַך און שטעקעלאַך.

שטײ איך און קוק אױף דעם
און האַלט אין אײן קװעלן,
װי אַזױ װעל איך אָבער דאָס
צוריק צוזאַמענשטעלן?

נאָר איך גיב זיך ניט אונטער
און אַרבעט פּאַר שטונדן,
ביז איך האָב דאָס װי ניט איז
צוריק צונױפגעבונדן.

נאָר פאָרן מיט דעם לאַנג
איז ניט געװען מיר באַשערט,
װײל כהאָב פאַרלאָרן די רעדלעך
און געבליבן זיצן אױף דער ערד.

רחלע די פלאנצערין

ס'האָט רחלע ליב געהאַט
צו פלעכטן בלומען קראַנצען
פאַרטראַכט האָט זי, אַז בלימעלעך
קען מען אין טעפּלעך פאַרפלאַנצען.

אָפּגעריסן בלימעלעך
און אין טעפּעלעך פאַרפלאַנצט,
און פון גרויס שמחה, האָט זיך אַזש
אונדזער רחלע צעטאַנצט...

נאָר איין זאַך האָט אונדזער רחלע,
ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען,
פאַרוואָס די בלימעלעך אין די טעפּעלעך
האַלטן אין איין וויאַנען.

ניט געוואוסט: אַז אַזוי ווי רעדער
קענען זיך ניט דרייען אָן אַקסען,
אַזוי קענען קיין בלימעלעך
אָן קיין וואָרצעלאַך ניט וואַקסען...

קליין-קיילעס קוילעטשל

קינדערשע צרות

פֿאַרטראַכט האָט קליין-קיילע,
אַ געדאַנק ניט קיין שלעכטן,
אַז זי וועט פֿאַר איר ברודערל,
אַ קוילעטשל אויספֿלעכטן.

היינט איז זיין געבורטסטאָג,
ער זאָל לאַנג לעבן און געדייען,
וועט זי אים באַקן אַ קוילעטשל,
און זאָל ער זיך פֿרייען.

געזאָגט און געטאָן,
אומר ועושה.
גענומען האָט זי אַ שיסל
און טאַקע אַ גרויסע.

פֿאַרמישט מעל מיט וואַסער
אויך זאַלץ אַריינגעשאָטן,
מיט אירע הענטעלאַך און פֿינגערלעך
דאָס טייגל אויסגעקנאָטן.

אַריינגעזעצט אין אויוון
און גענומען אויף אים וואַרטן,
ביז דערזען האָט זי אים אַרויסגעקומען
אַ נעבאַכדיקן האַרטן.

זיצט קיילע אומעטיק,
דאָס האַרץ זיך אויסגעגעסן,
למאַי האָט זי אַריינטאָן
הייוון גאָר פֿאַרגעסן.

ניט געכאפּט . . .

צו האָבן א גארטנדל ביים הויז
איז געווען חוהלעס פארלאנג.
געמיינט האט זי: מע פארטראכט א זאך,
גייט דאס באלד א גאנג.

ניטא אין שטאט קיין בלימעלעך
קיין גראזן, ניט קיין בוים.
ווער שמועסט רויזן און גארדיניעס,
וואָס דאָס איז חוהלעס א טרוים.

גענומען צו דער ארבעט זיך
האָט חוה׳לע געשמאק.
ארויסגעבראכט געצייג האט זי,
מיט זריעה, האק און פאק.

געבוירן ווערט א גארטנדל
האַרט ביי חוהס פענסטער,
און זיין וועט דער גארטנדל
דער איינציקער, דער שענסטער.

געוואלט האט זי שוין זען די רויזן,
דיביימעלעך געגארטע,
די צרה בלויז ליגט אין דעם,
וואס די מאמע-ערד הייסט ווארטן.

צו וואָס נעמט מען זיך

איך בין שוין א גרויסער בחור
צו בר־מצוה איז מיר שוין ניט ווייט,
מוז איך שוין א תכלית זוכן,
ווייל אויף קיין אָרט שטייט ניט די צייט.

מיין באבע וויל פאר א רב מיך מאכן,
דאָס זעלבע וויל אויך דער זיידע,
ס'איז אָבער ניט מיין קאָפּ דערביי,
און ס'איז א רחמנות אויף זיי ביידע.

מיין טאטע האָפט מיך נאָך צו זען
ווי מנוחין, חפיץ, עלמאן, גרוים,
און הערן מיך דעם פידל שפּילן,
גייט אים נעבעך די נשמה אוים.

די מאמע האלט דעם טאטן אונטער,
ווייל זי דענקט, ער מער פארשטייט,
דערפאר האָט זי פון דעם לעצטן,
מיר שוין א פידל צוגעגרייט.

מיין שוועסטער האָט אן אנדער מיינונג,
אזוי אויך די קליינע ברידער,
א „פּאול ווייטמאַן" מוז איך זיין,
אן אמתער „דזשעז־בענד לידער".

„א סאקסאפאָן מוזטו שפּילן,
דאָס איז דער בעסטער אינסטרומענט,
הויבסטו נאָר אויף אים אן שפּילן,
ווערן מיידעלעך אקאָרשט ניט פארברענט."

וואָס־זשע טוט מען קינדער,
צו וואָס זאָל איך זיך איצטער נעמען ?
איך וועל אפילו א שוסטער ווערן,
איך זאָג אייך, כ'וועל זיך גאָרניט שעמען.

סאָסעלע קאָכט א ראָסעלע

נעקאָכט האָט קליין סאָסעלע
פון ריין וואסער א ראָסעלע.
האָט זי נעקאָכט שנים ויאָרן
און ס'איז פון דעם גאָרניט געוואָרן.

ביז ס'איז געקומען מאמע ריקעל,
אריינגעלייגט פלייש דאָרט א שטיקל,
אריינגעריבען א מערל,
און אויך גרינם פאר א צווייערל.

אריינגעבראָקט א ציבעלע,
וואָס האָט פארשמעקט דאָס שטיבעלע,
מיט דער לעפעל געגעבען א מיש,
און אָט איז א ראָסעלע צום טיש.

פארשטאנען האָט דאן סאָסעלע,
אז חוץ וואסער אין ראָסעלע,
דארף מען: פלייש, ציבעלע, און מערן,
פון וואסער אליין וועט קיין ראָסעלע ניט ווערן.

יאָנטעלע מיטן מאנטעלע

ס׳האט יאָנטעלע קיין מאנטעלע,
איז דאך זייער ביטער:
גייט ער נאר פון הויז ארויס,
כאפּט ער באלד א ציטער.

איז מאמע שרעקלעך אויפגערעגט,
וויינט שטיל אין די חדרים:
נאר קיין מאנטעלע קויפן קען זי ניט,
ווייל זי איז זייער ארים.

טאטנס מאנטל איז שוין אלט,
נאר א שברי כּלי.
און די מאמע איז א שניידערקע,
א נייטערין א וואוילע.

ווערט פאר יאָנטלען א מאנטעלע
באשאפן נאר א וואוילער;
דערפאר גייט איננאצן
דער טאטע ארום א הוילער.

די שיכעלעך

ביי הערשעלען די שיכעלעך
זיינען אלט און אויך צעריסן,
טוט די מאמע זיי אים אָן,
הויבן טרערן אָן צו פליסן.

אזא שיין אינגעלע איר הערשעלע
דאָך מוז ער אזוי ליידן,
צו רעדן מיט אים וועגן דעם,
זוכט די מאמע אויסצומיידן.

נאָר הערשעלע איז א קלונינקער
ער לאָזט פון קיינעם זיך ניט נארן,
ער מאכט פאר מאמע אזא אנשטעל,
אז סע הויבט אים נאָר ניט אָן צו ארן.

מיין ניי מאנטעלע

ווען מיין מאמע קויפט א מאנטעלע
פאר איר קליין אינגעלע
לאָזט זי זיך ניט צורירן
אפילו מיט א פינגערל.

זי לאָזט דאָס ניט אָנטון
חוץ יום טוב און שבת,
ווען מיר גייען צו גאסט
צו מיינע זיידעס און באבעס.

וואָס דארף איך דען א מאנטעלע,
איך זאָל דאָס אלעמאָל ניט טראָגן?
האלט איך זיך פאר מאמען
אלץ אין איין באקלאָגן.

איך קען זיך דאָס ניט מאָלן
סע ליינט זיך ניט אויף מיין קעפל
אז מע זאָל דאָס ניט טאָרן אויסשמירן
ווער רעדט נאָך אָפרייסן א קנעפל. . .

דאָס נייע מאַנטעלע

גערקויפֿט א נייעם מאַנטעלע
האָט יאסלען דער טאַטע,
געווען איז שוין זיין מאַנטעלע
צעריבן ווי א שמאַטע.
דערצו האָט מאַמע אנגעניית
א לאַטע אויף א לאַטע.

דערזעהן דאָס נייע מאַנטעלע
האָט זיך יאסעלע דערפֿרייט,
ס׳האָט דאָס מאַנטעלע א שמחה
אין זיין הערצעלע פֿאַרזייט. . . .
אויך אויף מאַמעס פּנים
האָט א שמייכעלע זיך צעשפּרייט.

נאָר איין זאַך פֿאַרשאַפֿט
דער מאַמען גרויסע זאָרגן,
ווייל געמוזט האָט דער טאַטע
דאָס מאַנטעלע באָרגן,
און מוז אנהייבן צו צאָלן
טאַקע שוין פֿון מאָרגן.

זי איז אויך א מאמע

מעלקט זיך די קו
קען אליין גאָרניט וויסן
וויפיל קינדערלעך וועלן
פון איר מילך געניסן.

שטייט זי זיך רוהיג
ניט אפילו ניט קיין מרוק,
נאָר פון צייט צו צייט ווארפט זי
א זייטיקן קוק.

פלוצים ווארפט זי דאָס שעפל,
לויפט ווי פייל אויסן בוינג,
דאָס לויפט זי אויף גיך
איר קעלבעלע אנזויגן.

א פערד שלאָפֿט שטייענדיק

לויפֿט פֿערדל אין שפּאַן
ס׳וווערט אים ניט דערעסן,
כאָטש אַפֿילו געבן אַ טרונק אים,
האָט דער טרייבער פֿאַרגעסן.

לויפֿט ער אַזוי שעה׳ן,
בייטאָג און ביינאַכט,
ביז מ׳האָט אים צוריק
אין שטאַל אַריין געבראַכט.

איז ער זייער מיד
פֿון טאָג און נאַכט גייענדיק,
פֿאַרמאַכט ער די אויגן
און שלאָפֿט אַזוי שטייענדיק.

מײַן חבר׳ל

מײַן בעסטער חבר איז טויזק
איר מעגט דאָס אַלע װיסן.
טוט אימיצער מיר שלעכטס
װאָלט ער יענעם צעריסען.

ער נעמט מײַן קריװודע זיך אָן
װי א געטרײַער חבר
דערצו איז ער אויך זײער
א פלינקער און א בראַװער.

חברים האָב איך א סך
נאָר ער איז דער בעסטער פון׳ם בינטל
די צרה מיט אים איז נאָר
װאָס ער איז ניט מער װי א הינטל.

קעצעלע — מיאו

קיץ, קיץ, קעצעלע
ברענג מיר מילך אויף טעצעלע
ברענג אויך מילך אין קריגעלע
פאר מיין ברודערל אין וויגעלע.

קיץ, קיץ, קאַטערל
זיי מיר ווי א פאַטערל
זיץ מיט מיר אין הייזעלע,
און היט מיך אָפּ פון מייזעלע.

שפּיץ אָן דיינע איינעלעך,
און קוק אין אלע עקען,
מייזעלע וועט שרעקען זיך,
און מער ניט קומען לעקען.

דריי משפחות

משפחות צוויי ביי אונדז אין הויז
ניט רעדענדיק פון אונדזערע בלויז;
סע וועט אייך קלינגען אפשר ניי,
נאָר מיט אונדז צוזאמען איז דאָ דריי.

מיין טאטע מיין מאמע,
איך און מיין שוועסטער;
בא אונדז אין הויז
די משפחה די גרעסטע.

דער קאָטער זשיליק
און די מאמע די קאַץ,
פאר זיי מיט די קעצעלאך,
א באזונדערן פלאַץ.

דער הונט מורזיק,
די מאמע די צויג
האָבען צוויי הינטעלאך
אָן א „גוט אויג".

לעבען מיר צוזאמען,
סע פעלט אונדז קיין זאך
דריי שיינע משפחות
אונטער איין דאך .....

רייזעלע-מייזעלע

דערהערט באנאכט האט רייזעלע
אין קיך דארטן א מייזעלע.

דערמאנט זיך, אז פארנאכט
האט מאמע ברעקלעך אנגעדראבעט
און איצט האט דארט מיט פיסעלעך,
א מייזעלע געשקראָבעט.

ס'האט זיך רייזעלע א ביסעלע
אויף דער מינוט דערשראָקן,
און גענומען זוכן ארום זיך
ערגעץ וואו א פלאקן.

געפונען א שטעקן
און גענומען מיט אים קלאפן,
פון שרעק איז בא איר אויסגערונען
בלוט נאר וואו א טראפן.

ביז געקומען צום שכל
און פארשטאנען האט זי בעסער
אז זי איז פון דעם מייזעלע
טויזענט מאָל גרעסער.

דער ניט-פֿארגינער

לויפֿט א הונט אויף א בריקל
פֿארזוארפֿען איבערן וואסער,
פֿון כעס ווערט ער אלע מאָל
אליך בלאסער און בלאסער.

אין מויל טראָגט ער א ביין
און ווערט פֿון אייפֿער צעריסען,
ער זעט אין וואסער נאָך א הונט
וואָס האָט זיך אין א ביין איינגעביסן.

יענער הונט האלט „זיין" ביין
וואָלט ער זיכער געשוואוירן,
און בילענדיק אזוי, האָט ער
אויך זיין אייגענעם פֿארלאָרן.

מוסר השכל:
זאָל די קנאה דיך קיינמאָל ניט פֿארפֿירן,
ווייל דו ועסט נאָך דאָס, וואָס דו האָסט
אויבעט פֿארלירן.

ציגעלע

שטייט א ציגעלע אין פעלד
שטייט און שרייט זיך „מע",
גייט מיין ברודערל פארביי —
זאגט ציגעלע איז פע.

פארוואָס ציגעלע איז „פע"
קען איך ניט פארשטיין, —
קענסטו זיך אָן מילך דען
אָ, ברודערל באגיין?

מענטש און פערד

שטארק איז יאנקל דער רויטער
מע זאגט: ער איז א גבור,
מיט איין האנט טראגט ער די מיידעלעך,
איבער די קאליזשעס אריבער.

בין איך שטארק אים מקנא,
נאך בעסער ווי אויף געלט,
ווען איך האב זיין גבורה
וואלט מיר שוין גארניט געפעלט.

דאך בין איך ניט געפאלן,
כ׳פארליר ניט מיין ווערט,
סאיז דאך דער מענטש גרעסער
כאטש סאיז שטארקער דער פערד.

אַ פייגעלע אַף מיין פענסטער

ווינטער איז אין דרויסן,
ווייס די גאנצע וועלט,
אויף מיין שנייאיק פענסטער
האט א פייגעלע זיך געשטעלט.

קוקט אריין אין פענסטער,
זוכט א ווארעם אָרט.
קוקט אזוי רחמנותדיק
און זאגט מיר ניט קיין ווארט.

גיי איך צו דעם פענסטער צו,
קוק אויף גאטס יצירה,
ציטערט פייגעלע פון קעלט
און זינגט צו גאט א שירה...

דאס פישעלע.

שרה׳לע און שיינדעלע
שפאצירן באנאנד
קומען זיי צו
צום וואסערלס ראנד.

נעמט זיך א מורא
אין זיי דערוועקן
זיי פאנגען זיך אן
פארן וואסערל שרעקן.

פלוצלונג א פישעלע
פון וואסערל א שפרונג
גיט זיי אין אויער א הילכעדיקן קלונג

„ווי שיין וואלט געווען,
אנגענעם פיין,
ווען מיר זאלן בײדע, פישעלעך זיין.״

משה׳ל מיטן הינטל

ס׳האט משה׳ל א קליין הינטל
סע וועגט צוויי פונט מיט צוויי אונצן,
קען עס אבער באווייזן
א צענדליק שיינע קונצן.

שטייט דאס אויף די הינטערשטע
פיסעלעך א חדוש,
פארשטייט דאַס יעדעס ווארט
וואס מע רעדט צו אים אין אידיש.

הייסט מען אים זיך לייגן,
קאטשעט זיך עס אויפן בייכל,
גיט מען אים סמעטענע,
באלעקט זיך עס פון מאכל.

האווקען האווקעט דאס
ווי איינער פון די גרויסע,
און שכל האט עס אזוי פיל
פונקט ווי אונזער משה.

דאָס הונגעריקע פוקסל

ליגט פוקסל פאַרטייעט
צווישן דערנער און גראָזן,
און וואַרט נאָר זאָל אים שיקן
כאָטש א קליינינקן האָזל.

וואַרט ער און וואַרט
און ס׳קומט ניט קיין האָז,
נעמט ער דערווייל קייען
צו ביסעלעך גראָז.

פילט ער קיין טעם ניט
און הייבט אָן צו וויינען,
נאָר זיך צו ברענגען אַלס קרבן
גלוסט זיך ניט קיינעם. . .

וואס איז בילכער ?

צוויי הינטלאך שיינינקע
האָט זיך וועלוועלע אפגעשפארט
צורירן צו זיי זיך
האָט אפילו מאמע ניט געטארט.

פלעגט זיי וועלוועל האדעווען
מיט מילך און מיט פוטער
צו זיין איינציק שוועסטערל
איז ער ניט געווען אזא גוטער . . .

אמאל האט געטראפן
א זאך א טשיקאווע
געשטאנען אויף עק בעטל
איז זיין שוועסטערל חוה.

די מאמע שרייט: נעם זי —
ווייל זי פאלט באלד אראפ !
נאָר אים בא די הינטלאך
איז געלעגן דער קאפ . . .

וועלוועל טרינקט אן די הינטלאך
מיט מילך פון א גלעזל
און חוה׳לע פאלט אראפ
און צעקלאפט זיך דאס נעזעל . . .

דער נייער חד-גדיה

וואָס שטייסטו שעפּעלע,
אַליין דאָרט אין דרויסן?
זעסט דאָך דעם וואָלף, דאָרט,
ווייסט דאָך, וואָס ער איז אויסן.

וואָס לויפסטו דאָרט, וועלפּעלע
אין וואלד גאנץ אַליין?
זעסט ניט ווי בערעלע
לאָזט זיך צו דיר גיין?

וואָס ליגסטו, דאָרט, בערעלע
פארשטעקט אין די קוסטן?
אָט נייט דאָך דאָרט, לייבעלע,
מיט א מאגן א פּוסטן.

און דו לייבעלע ווילדער
וועלט'ס גרעסטער קרינגער,
אָט שארפט דאָך די ציין דאָרט,
דער נאָך ווילדערער טיגער.

מאראל:
חיות אין וואלד
איר גרויזאמע פרעסער,
לעבט ניט צווישן זיך,
ווי שונאים אויף מעסער.

פּעסעלע מיטן קעצעלע.

האָט פּעסעלע אַ קעצעלע
איז דאָס מלא חן;
שפּילט זיך מיט דעם פּעסעלע
שפּילט זיך זייער שיין.

גלעט זי אים דאָס רוקנדל,
ציט עס פֿאַרן עק,
און קעצעלע זיך לאַשטשענדיק
גיט איר פּנימל אַ לעק.

נאָר פּלוצלונג בייז ווערט קעצעלע,
פֿאַר כּעס סע האָט אַזש געסאָפּעט
און מיט נעגעלעך דאָס נעזעלע
פּעסעלען צעדראַפּעט . . .

די שיינע גיטעלע

פארפוצט האָט זיך גיטעלע
אין מאמעס אלט־היטעלע.
גענומען שמינקע פון קריגעלע,
און געשטעלט זיך ביים שפיגעלע

די באקן פארשמירט,
די אויגן אונטערגעפירט,
די ליפּן געמאכט רויט,
און איר גאנצע פיגורל איבערגעבויט.

פון א מיידעלע וואונדער־שיין
געוואָרן א ליאלקע, אָן טעם, אָן חן,
און האָט נאָך שטארק קאקעטירט,
מיט דעם וואָס זי האָט זיך איבערגעפירט.

דאָ האָט זיך די מאמע אונטערגערוקט,
פארגנבעט, זיך צוגעקוקט,
באשלאָסן אז איר טעכטערל די שיינע,
איז א מאלפּעלע א קליינע.

די קליינע מאלי ווערט א כלה

פארפוצט האָט זיך די קליינע מאלי,
אין די קליידער פון א כלה,
געגאנגען אין גאס שפאצירן,
כאָטש נעם צו דער חופה זי פירן.

שפאצירט זי, און שפאצירט,
און ווערט גאָרניט מיד,
ביז סע קומט איר אנקעגן,
אן אלטיטשקער איד.

פרעגט איר דער זיידע:
„וואו האָסטו גענומען די קליידער?״
ענטפערט אים מאלי:
„כ׳בין, זיידע, א כלה.״

„כ׳זע, ביסט א כלה״
„ס׳איז בא דיר שמחה וששון״
„אָבער זאָג מיר נאָר כלה׳כן״
„וואו איז דיין חתן?״ . . .

ענטפערט אים מאלי:
„קומען וועט ער, אין לויף פון די יאָרן.״
דערווייל איז מיין חתן
נאָך ניט געבאָרן געוואָרן.

א נארישקייט

א מאנטעלע פון פליוש
האָט מיין מאמע מיר געמאכט,
ס'איז די מאמע ווערט א קוש,
האָב איך זיך געטראכט.

האָב איך זיך פארגנבעט
אונטער מאמעס פלייצעס,
ווי אָפּדאנקען די מאמע
דארף איך ניט קיין עצות.

דאָס מאָל איז מיין קוש
מיר אָבער ניט געלונגען,
דער מאמען איז פון שרעק
שיר דאָס הארץ ארויסגעשפרונגען. . .

א בלֿימעלֿע אין קעפּעלֿע

שטייט א בלֿימעלֿע אין פעלד
און קען אלֿיין ניט באשטימען
צי זאָלֿ זי שטעקן אין פעלֿד,
צי אין קעפּעלֿע ביי סימ׳ען.

סימעלֿע איז א מיידעלֿע
א גאנצע צעדאמטע״,
לֿויפט זי אין פעלֿד אום,
פּונקט ווי א „פּארסממטע״.

זעט זי נאָר ערגעץ וואו
א שיין בלֿימעלֿע ארוים,
נעמט זי מיט די פינגערלֿעך
און רייסט דאָס באלד אוים.

באצירט זיך דאָס קעפּעלֿע
אונזער סימעלֿע די קלֿיינע,
כאָטש די איננעלֿאך טראכטן,
אז זי איז אזוי אויך א שיינע.

שטייען בלֿימעלֿעך אין פעלד
ווי א פּאָלֿק מיט סאלדאטן,
און שיינקען איינם סימעלֿען,
וועט קיינעם ניט שאטן.

זיסעלע קריגט א ניסעלע

גערקראָגן האָט זיסעלע
א שיין וועלשען ניסעלע.
זי האָט אין הויז זיך נוצליך געמאכט,
האָט מאמע איר א מתנה געבראכט.

האָט זיסעלע דעם קאָפּ זיך געבראָכן,
„וואו נעמט מען א שטיין צו א קנאָכן,
צו צעברעכן דאָס ניסעלע?"
אפשר נאָר א קלאָפּ מיטן פיסעלע?

געקלאָפּט מיטן פיסעלע,
האָט זיסעלע איר ניסעלע,
אָבער ס'האָט דאָס ניסעלע זיך איינגעשפּארט,
און ס'איז אליין געבליבען הארט.

ס'האָט געקעמפּט, זיך געקייקלט
ניט געלאָזט זיך באזיגן,
ביז ס'איז געבליבן אין א ווינקעלע ליגן. . .

שיינדעלע מיט איר חנדעלע

קויף מיר מאמע, שיכעלעך
סע זיינען מיינע שוין צעריסן
אין אלע זייטן לעכעלעך
ווי א מייזל וואלט צעביסן.

דער טאטע וועט דיר געבן געלט
פאר מיר וועט ער ניט זשאלעווען,
כאָטש ער זאָגט דיר אלעמאָל,
אז דו זאָלסט מיך ניט צעבאלעווען.

איך בין נאָך א קליין מיידעלע
כ׳קען אליין קיין שיך ניט קויפן,
און דאָ מוז איך יעדן טאָג
אין שול צום לערנען לויפן.

און אין גאס איז אָנגעווארפן
גלאָז וואָס ווילדע קינדער ברעכן,
וועל איך אפשר ארויפטרעטן
און חלילה זיך פארשטעכן.

און אויב כ׳וועל זיך באשעדיקן
וועט איר ביידע געווים ליידן,
און אָט די צרות מאמעניו
וויל איך אייך פארמיידן.

ציפּעלע מיט די צעפּעלעך

האט ציפּעלע א קעפּעלע
פול לאקעלעך און קרויזן,
צירט ציפּעלע איר קעפּעלע
מיט בלימעלעך און רויזן.

א קרייזעלע — א בלימעלע,
א בלימעלע א לאָקל,
טוט זי מיט איר קעפּעלע
יעדעס מאָל א שאָקל.

שאָקלט זיך א וועלדעלע
מיט רויזעלעך און בלומען,
מיט פלעכטן אירע לאָקעלעך
איז שטענדיק ציפּעלע פאַרנומען.

מאכט זי ניט די לעקציעס,
וואָס ס'האָט דער לערער איר געהייסן,
ס'האָט ציפּעלע קיין צייט ניט,
זי קען זיך ניט צערייסן.

פאַרנייען שנעל די יאָרעלעך
מיט פוצן זיך און קעמען,
זאָל כאָטש ציפּעלע אויף דער עלטער
ניט דאַרפן זיך צו שעמען.

א היטעלע.

פון אסתרלען האט גיטעלע
געקראגן א קליין קוויטעלע,
אז אויב זי פארט אין שטעטעלע
זאל זי קויפן איר א היטעלע.

ווינטער איז אין שטעטעלע.
פארט זיך אויף א שליטעלע
אונזער קליינע גיטעלע.

צוריק פון קליינעם שטעטעלע
אויף דער קעלניע ברעטעלע
פארט שוין אונזער גיטעלע

קומט צושפרינגען הינטעלע
מיטן אויג א פינטעלע
ווארפט היטעלע צום ווינטעלע

צעוויינט זיך אונזער גיטעלע
אומזיסט געווען אין שטעטעלע
ס'וועט שוין אסתר שרעטעלע
שפאצירן אָן א היטעלע...

מלכהלע מיט איר ליאלקעלע

ס׳האט מלכהלע א ליאלקעלע,
כמעט א לעבעדיקע בריאה.
געקויפט האָט איר די מאמע,
אן אמתע מציאה.

האלט מלכה׳לע איר ליאלקעלע
אין א וועגעלע א גראמן,
בוינט זי נאָר זי איין א ביסל,
שרייט זי אוים באלד: מאמע.

אויך ווינקט זי מיט די אויגעלעד
ווען מען דרייט זי אין די זייטן,
אָט דעם פארגעניגן וועט מלכה׳לע
אויף קיין זאך ניט פארבייטן.

איז מלכה׳לע א מאמעלע,
וואָס האָט שוין קינדער אין די וויגן,
דעקט איין די ליאלקע מיט א צודעקל
זי זאָל קיין פארקילונג כאָטש ניט קריגן.

די גרויסהאַלטערין

אויסגעפּוצט האָט זיך זעלדע
אין אַ שפּאָגל-נײַ קליידעלע,
און געזאָגט האָט איר די מאַמע,
אַז זי איז אַ גאַנץ שיין מיידעלע.

פון דער מאַמעס גוטע רייד
האָט זיך איר סיקעפּל פאַרדרייט,
און זי האָט גענומען פון זיך בלאָזן,
אין דער לענג און אין דער ברייט.

דערשמעקט האָבן די חברטעס,
אַז זי האַלט זיך זייער גרויס,
זיינען אַלע אירע חברטעס,
מיט איר געוואָרן אויס. . .

א מיידעלע רעדט

איך וויל אייך קינדער עפּעס זאָגן:
עפּעס וויל איך דאָך פֿאַרמאָגן.

כוויל פֿאַרמאָגן גרויסע אויגן,
פֿול מיט זונענשיין אָנגעזויגן.

כוויל פֿאַרמאָגן זיסע ליפּן
סזאָל טרייסט און פֿרייד צו זיי זיך קלעפּן.

כוויל פֿאַרמאָגן לוסט און שיינקייט,
איינגעהילט אין מאָרגן-ריינקייט.

כוויל פֿאַרמאָגן די אַלע זאַכן,
כדי א גוטן מענטש פֿון זיך צו מאַכן.

מוטער-טאָג

היינט איז מוטער-טאָג, קינדער.
זאָל מאמע לאנג לעבען,
דארף מען, מאמען א מתנה,
א שיינינקע געבען . . .

א גאנץ יאָר האָט מיראלע
געשפּאָרט, זיך געקוועלט,
און דער מאמען שיינע בלומען,
אויף מוטערס טאָג באשטעלט. . .

קושט מאמע, איר מיראלען,
און באגיסט זיך מיט טרערן,
דאָס וויינט מאמע פון פרייד,
און מען דארף איר ניט שטערן.

אלעמאָל וויינט די מאמע,
כ׳פארשטיי ניט וואָס מיינט זי,
צי האָט זי צרות צי פרייד
סיי ווי סיי וויינט זי . . .

די שלום-מאכערין

אין א קליינער הייזעלע
זיצען קליינע ברידער
קריגען זיך און אמפּערן,
אלע אויף קידער-ווידער.

זאָגט איינער טאָג,
זאָגט דער צווייטער נאכט.
אזוי האָבן די ברידערלאך
א לאנגע צייט פארבראכט.

ביז געקומען איז א מיידעלע,
קיינער ווייסט פון וואנען,
און קוקענדיק אויף מיידעלע
האָבן אלע זיך פארשטאנען.

געקומען איז די מיידעלע,
יעדערן צו חלום —
און געזאָגט אז אלע דארפען
לעבען זיך בשלום.

דאס קליינע שרייערל

ס'האט די מאמע א קליין מיידעלע
פון שפיטאל געבראכט.
„וואס איז דאס פאר א נפשל?"
— האב איך זיך געטראכט.

א קליינטשיקעס, נאר א פיצעלע,
קען זיך באדן אין א טעפל.
קיין איין ציינדל ניט אין מיילעכל,
קיין האר ניט אויפן קעפל.

פיסעלעך צוויי דארינקע,
ווי צוויי קרומע שטעקעלעך.
דינינקע צוויי הענטעלעך,
ווי פון מיין ווענעלע די פלעקעלעך.

דערפאר אבער א שרייערל,
איר מעגט מיר זיכער גלויבן.
פאנגט דאס צו שרייען אן
הייבט דער קאפ מיר אן זיך הויבן. . .

רייזעלעס נייער ברודערל.

פון הייטיקן שבת, פונקט פאראכטאגן,
האב איך א נייעם ברודערל
א שיינעם צוגעקראגן.

שפעט ביינאכט איז ער צו אונז
אָנגעקומען,
כ׳ווייס אליין ניט פון וואנען
ער האט זיך גענומען.

כ׳האב געפרעגט מיין מאמען
האט זי זיך צעלאכט,
דער טאטע האט מיר געזאגט,
ס׳האט דער דאקטאר אים געבראכט.

אויך דודל׳ס קליין שוועסטערל
איז אזוי געקומען — זאגט ער,
וואס איך פארשטיי ניט, איז,
וואו נעמט ער זיי, דער דאקטאר ? . . .

מיַין שליטן

צוגעבונדן האָב איך
אַ שטריקל צו מיַין שליטן,
און אַליין זיך אײַנגעשפּאַנט
ווי אַ פערד אין דער מיטן.

ווײַס דער שניי אין דרויסן
דעקט צו די ערד די שוואַרצע,
שלעפּ איך מיר דאָס שליטעלע,
ס'איז פֿריילעך אויפֿן האַרצן.

בין איך אַן אמת פערדל
סע זאָל פעלן מיר אַ ברקעל
נאָר איין זאַך פעלט מיר דאָך
אויפֿן האַלז אַ גלעקל.

יאנקעלעס שטעקעלע

האָט יאנקעלע א שטעקעלע,
קערט ער דערמיט וועלטן,
ער וויל דאס ניט פארקויפן
פאר קיינע געלטן...

שפּאנט ער דאס אריבער,
ווערט דערפון א פערדל,
פארשניצט ער נאר איין זייטל,
ווערט דערפון א שווערדל...

מאכט דערפון א שפּיז,
קען ער דעם שונא שטעכן,
פארשטעלט זיך פאר אן אינדיאנער
און קלאפּט דערמיט אין בלעכן.

אלצדינג קען יאנקעלע
פון זיין שטעקן מאכן,
נאר צום לערנען האט ער נעבאך
א קעפּל נאר א פלאכן...

אויפן אייז

גייען מיר זיך גליטשען,
איך און מיין ברודער,
מאכען אונדזערע גליטשערס
א שטארקען גערודער

שניידען אונדזערע גליטשערס
דאָס אייז, ווי מיט מעסערס,
פון אזא פארגעניגן
איז ניטאָ שוין קיין בעסערס.

טראכט איך: אז אונטערן אייז
ווערן די פישעלעך דערשטיקט,
איז ניט ליב מיר דאָס לעבן
סע גייט ניט איין מיר דאָס גליק...

געוועזן איז די מאמע גערעכט

געגאנגען איז מיין טאטע
שפּילצייג פאר מיר קויפן,
פאר פרייד האב איך גענומען
אין א קרייז ארום צו לויפן.

לויף איך אָן אן אפרו
אין א ווירבל געדריי,
ביז איך הער פון דער מאמען
א שטארקן געשריי.

„לויף ניט יאסעלע,
דאס איז ניט דער וועג זיך צו פרייען,
דו וועסט זיך נאך חלילה
דאס קעפּעלע פארדרייען".

געוועזן גערעכט איז די מאמע
האב איך איצט זיך דערטראכט,
ווייל געלעגן בין איך קראנק,
ווען סהאט טאטע די שפּילצייג געבראכט.

פישל דער גראַטענער

אַריין איז פישל דער גראַטענער
אין אַ פּעסל האַלבצעשאַטענער,
זיך גענומען קייקלען.

דאָס פּעסל מיט רייפן האַלב-געבונדענע
האָט אויף די גאַסן פון זון געצונדענע
גענומען הילכיק פייקלען.

אַראָפּ פון בערגל שטורעמדיק
מיט ברעטלעך הויך זיך טורעמדיק
איז פישל דער גראַטענער
געלעגן אַ פאַרשאַטענער...

בערעלע מיטן קערעלע.

ס'האט דער קליינער בערעלע
זיך געווארגן מיט א קערעלע.
ס'האט מאמע זיך דערשראקן,
געוואלט קלינגען אין די גלאקן, —
מע זאל זיך צעזאמענלויפן.

ס'האט בערעלע געציטערט,
געווארן שטארק פארביטערט,
טאמער וועט חלילה
די שוועסטערל די שטילע
נאך א דאקטאר לויפן.

ס'האט געשטארקט זיך בערעלע
זיך געראנגלט מיטן קערעלע:
— אויב דו'סט, מאמע, מער ניט שרייען,
וועל איך דאס אליין אויסשפייען,
נאר דו מוסט מיר עפעס קויפן.

שלמהלע נאַשט אַ פֿלוימעלע

גערוואָלט האָט שלמהלע
נאַשן אַ פֿלוימעלע,
איז ער אַוועק אין קיך,
געבישטערט אויף גיך,
און צווישן אַלע פּרוכט,
אַ פֿלוים אָפּגעזוכט.

געגעבן אַ לויף אַרוים אויפֿן הויף,
אַ צרה, אַ גרויל, מיטן פֿלוימעלע אין מויל,
האָט ער פֿון פֿרייד זיך צעזונגען
און דאָס פֿלוימעלע גאַנצערייד
אַרונטערגעשלונגען.

דערפֿילט אַ חרטה — פֿאַרבאַרגן
ווייל ער האָט זיך שיִר מיטן פֿלוימעלע דערוואָרגן.

מאמע, ראטעווע !

ס׳האט חנה׳לע צום גאז אויוון
אויסגעשטרעקט די הענטעלעך
און מיט אימפעט אויפגעדרייט
אלע פינף קרענטלעך.

די גאז האט פון די ברענערלעך
גענומען האסטיק פליסן,
און חנה׳לע האט אנגעהויבן
צו פרייכן און צו ניסן.

מאמע דאָרט אין אויבער-צימער
איז געווארן פול מיט שרעקן,
ווען זי האט דעם גאז גערוך
אָנגעהויבן שמעקן.

די מאמע ווי א מלאכל,
קינדם בעסטע וועכטערין,
איז געקומען און געראטעוועט
איר קליין נאריש טעכטערל.

דער שרעקעדיקער

לויפן אינגעלאך שנעל
זיך צו באדן אין טייך
לעבעדיק לוסטיק
ס׳איז צו זיי קיינער ניט גלייך.

באדן אין טייך זיך
איז א גוטער פארברייננג
דערפאר איז ארום טייך
א גרויסער געדרענג

הערט מען פאר מיילן
די קולות פון פרייד
ווארפט מען אראפ פון זיך
וואו א שטיקל קלייד.

שפרינגען אלע אין וואסער
און סע הערן זיך שטימען:
„קום יאנקעלע זיך באדן
זע, ווי גוט ס׳איז צו שווימען!״

ברענט זיך יאנקעלע אויף דער זון
דאך ציטערט ער פאר קעלט
נאָר שפרינגען אין קאלט וואסער
וואלט אים אויסגעפעלט.

הערשעלע שטיפער.

ס'האט הערשעלע דער שטיפער
זיך זייער שטארק צעהוליעט:
געשטעלט זיך אויפן קאפ
און זיך איבערגעקוליעט.

גענומען זיך דרייען
און מאכן גרימאסן,
דאס העמדל צעריסן
אויף שמאָלינקע פאסן.

נאָר ס'האט עפעס פאסירט,
צי ס'האט אים עמיצער פארראטן
און מ'האט געבראכט צו דער סצענע
זיין איינענעם טאטן. . .

אומזיסט געליטען

רעדט אזוי צו מיר די מאמע
איין מאָל, א צווייטען, און א דריטען:
„ביסט א גרויסער בחור שוין
דארפסט זיך וויסען ווי צו היטן."

פארשטעך איך זיך א פיסעלע
מיט א שארפן שטיקל האלץ
און אויסזאָגען דער מאמען באלד
אויף דערויף בין איך צו שטאָלץ.

לייד איך גרויסע ווייטאָגן
פארקריץ אזש מיט די ציין,
איך קען שוין אויף מיין פיסעלע
איננאנצן באלד ניט גיין.

באמערקט דאָס שוין די מאמע,
פארשטייט באלד וואָס מע דארף,
נעמט זי באלד א נאָדעלע,
א שפיצאכדיגס א שארפס.

צעשטעכט פאמעלעך דאָס הייטעלע
וואו דאָס האלץ איז איינגעזויגן,
שלעפט גלייך ארויס דאָס העלצעלע
און ס'ווערט ליכטיג אין די אויגן. . .

קאַפּעלע קאַפּעל מייסטער

ס׳וויל קאַפּעל א קלעזמער זיין,
סע גייט אים אוים דאָס חיות,
שטעלט ער זיך צום שפּיגל צו
און מאכט אלערליי העוויות.

מאכט ער נאך א פידעלע
ציט ארויף, אראָפּ דעם סמיטשיק,
שפּילט ער אויף א פּיאנא אויך,
מיט פינגער שנעל און גליטשיק.

נעמט ביי מאמען דעקלעך צוויי
און קלאפּט מיט זיי ווי טאצן,
קוקט זיך מאמע צו אים צו
וויל פון געלעכטער פּלאצן.

ארט דאָס קאַפּעלען קיין האר ניט
ער וויל זיין קאַפּעל-מייסטער,
נאָר קיין פידל קויפן קען ער ניט
ווייל ס׳איז ליידיק מאמעס טייסטער.

דער קליינער קינסטלער יאָסעלע.

שאַרף איז יאסעלעס מעסערל,
שאַרף אַזוי ווי אַ חלף,
נעמט ער אַ קליין ברעטעלע,
שניצט אויס דערפון אַן אלף.

געוואָלט אויסשניצן אַ בית
איז אים ניט געלונגען,
ס'איז דאָס ברעטעלע מיט האַסט
פון דער האַנט אַרויסגעשפּרונגען.

שטייט יאָסעלע פאַרחלומט,
קוקט שטענדיק נאָר אין הימל,
נעמט זיך אָן מיט נייעם מוט,
שניצט אויס אַ שיינעם גימל...

ער איז אַ קינסטלער אונזער יאָסל
אויף פאַרשידענע געביטן,
דאָך האָט ער זיך מיטן מעסערל
די פינגער איינגעשניטן...

א פידעלע אויפ׳ן פארם

א קליין פידעלע האָט דוידל
מיט שפּילענדיקע סטרונעס
געבראכט האָט אים דאָס פידעלע
זיין אָנקל אזש פון טונים

שפּילט דויד אויף זיין פידעלע
שיינע מעלאָדיען.
דערהערן דאָס די פייגעלאך,
קומען זיי צעפליען.

ציט אויך דאָס שפּילן צו
די הינער און די הענער
ווערן זיי באגייסטערט
פון די טרילענדיקע טענער.

א כשוף האָט דאָס פידעלע
פול מיט צויבער איז די מוזיק
קאטשעט זיך אויפן בייכל
אונדזער הינטעל טוזיק

לייכט אויף דאָס גאנצע לעבן
מענטש און חיה ווערט באגייסטערט
ס׳מוז גליקלעך זיין דער מענטש
וואָס האָט דאָס פידעלע געמייסטערט.

אויך דוידל טראָגט צו
צום כשוף ניט ווייניק,
באהערשט ער דאָך די סטרונעס
ווי ס׳באהערשט זיין פאָלק א קעניג...

דער שומר

ביזטו אמאל אין פעלד געוועז
קינד מיינס, צווישן זאנגען?
האסטו ווען זיך צוגעהערט
צו די שטילע קלאנגען?

ביזטו אמאל אין וואלד געוועז,
וואו ס'רוישן שטיל די ביימער
פארנאפט זיך און פארחלומט זיך
ווי א קליינער טרוימער?

און אויב ס'איז שוין יא אזוי,
דו ביזט א קליינער טרוימער,
נעם איך אָן דיין הענטעלע
און אויף שטענדיק בּ'זוער דיין שומר.

דער קליינער אטלעט

א קלוג אינגעלע איז מיכעלע
שטיל און אויך בנימוס,
פון קיין זאך אין דער וועלט
מאכט ער זיך קיין צימעס.

ער איז קיינעם ניט מקנא
אפילו ניט אויף געלט,
א אינגעלע א צופרידענער,
ער לאכט נאר און קוועלט.

דערפאר אָבער א געזונטער
מוסקולן אייזן שטארק,
און שטעלט ער זיך אוועק
שטייט פאר איך א בארג.

ווי אזוי ווערט מען קלוג

אז דער פעטער משה איז א קלוגער
גיבן אלע צו גאנץ גערן,
וויל איך ווי פעטער משה
אזא קלוגער ווערן.

אבער ווי אזוי זשע ווערט מען קלוג
קען איך ניט באנעמען,
פיל איך זיך פארלארן
הויב זיך אָן צו שעמען.

און צו פרעגן פעטער משהן
פעלט מיר אוים דער מוט,
גיי איך אום אין איינע צרות
כוויים ניט וואס מע טוט. . .

קום מיט מיר אין וועלדעלע

קום, קינד, מיט מיר אין וועלדעלע
כוועל דיר עפּעס ווייזן,
ווערסטו זען דאָרט אַ פֿייגעלע
שפּרינגען צווישן צווייגן.

ווערסט דאָרט זען אַ וועווערקל
צווישן קוסטעס טאַנצן,
מיט די שאַרפֿע אייגעלעך
וואָס אין דער טונקל גלאַנצן.

ווערסט אויך דאָרט זען אַ האָזעלע
צווישן גראָז זיך דרייען,
ווערסט באַגעגענען גאָר באַלד,
און זיך מיט זיי צוזאַמען פֿרייען.

זע די שטאָט

אויך אין שטאָט איז שײנקײט דאָ,
קום איך װעל דיר װײַזן,
װי געבאָרן װערט אַ װעלט
פֿון שטײן און אויך פֿון אײַזן.

װערן שטיבער אויפֿגעשטעלט
ביז די װאָלקנס הויך,
דערהויבט דער מענטש זיך פֿון דער ערד,
דערפֿילט אין זיך אַ כּח.

װערן אויך פֿאַבריקן אויפֿגעבויט
פֿון שטײן און שטאָל און אײַזן,
גרײט צו געבן באַקװעמלעכקײט,
און אין פֿולער מאָס אונדז שפּײַזן.

פֿילן מיר זיך שטאָלץ בײַ זיך,
װי אַ טײל פֿון נאַטס געװעבן,
זעען מיר װי גוט ס'איז,
אין אַ שײנער װעלט צו לעבן.

מאַטל וויל זיין א גרויסער.

איך בין דוכט מיר שוין א גרויסער,
דאָך ווייס איך ניט פיל זאכן,
ווען איך הייב אן צו פרעגן
נעמט מען פון מיר לאכן . . .
פרעג איך: ווער האט אריינגעשטעקט
אזוי פיל שטערן אינם הימל? . . .
און פארוואס פוצט זיך פאר מיר
אסתריקע מיט א ווייסן בלימל? . . .

פארוואס קען ניט זען די באבע
מיט אירע בלינדע אויגן? . . .
און וואו נעמט מיין מאמע מילך
פאר מיין שוועסטערל צו זויגן?

ווענד איך זיך צום טאטן,
וויל ער מיך ניט הערן,
ווערסט אליין — זאגט ער פארשטיין
ווען דו וועסט א גרויסער ווערן.

וויל איך ווערן גרויס,
זאלן יאָרן שנעלער פליסן,
ווייל דאס חיות גייט מיר אויס
א סך זאכן וויכטיקע צו וויסן . . .

אזוי דרייט זיך די ערד ארום דער זון

א שטריקל צו א רייף האָב איך צוגעבונדן
א גלאָז וואסער ארייננעשטעלט
אין חלל אירן רונדען,
און גענומען דרייען . . . . . .

קוקען קינדער — באוואונדערן
לייגען צו דעם קאָפּ;
ווי אזוי האלט זיך די גלאָז וואסער,
סע פארלירט זיך ניט קיין טראָפּ.

דערקלערט אונדז אויך דער לערער
דעם געדאנק דערפון
אזוי דרייט זיך די ערד
ארום דער זון.

די יוגענט

און אז איך וויל ווערן גרויס,
בין איך דען עפּעס שולדיק?
זאָגט אָבער דער טאַטע,
אז איך בין אומגעדולדיק.

בין איך מקנא די גרויסע
און צי זיך ביי די אויערן,
האלט דער טאַטע אין איין זאָגן,
אז איך וועל אמאָל דאָס נאָך באַדויערן.

פאַרשטיי איך ניט, פאַרוואָס?
אין מיינע יאָרן די פריסטע
זאָגט דער טאַטע אז די יוגענט
„איז דעם מענטשענס צייט די זיסטע".

קיין זאַך ווערט ניט פאַרשוויגען

דער אַלטער רבי הלל
איז צום טייך צוגעקומען.
זעט ער ווי דאָרטן
איז אַ קאָפּ אומגעשוואומען.

האָט ער אין איר
זיינע אויגן פאַרזונקען,
און געזאָגט: ס׳איז דערפאַר
וואָס זי האָט אַ צווייטן דערטרונקען.

מוסר השכל:
זיי צו יענעם גערעכט,
וועט דיר אויך ניט זיין שלעכט.

פּיישקע ליגנער

אַז פּיישקע איז אַ ליגנער
ווייסן אַלע אין אונזער גאַס,
דאָך טראָגט אויף אים קיינער
חלילה ניט קיין האַס.

כאָטש דורך זיינע ליגנס אָפטמאָל
האָבען קינדער געליטן,
דאָך האָט זיך מיט אים קיינער
קיין וואָרט ניט פאַרביטן.

ביז ס'איז געקומען אַ טאָג
פאַר אים ניט קיין גוטער,
געפאַלן איז זיין ברויט,
אַראָפּ מיט דער פּוטער.

ער האָט מיין מאַמען אַ ליגן
דערציילט וועגן מיר,
האָב איך ניט געקענט זיך באַהערשן
און געוויזן אים די טיר.

דאָך האָב איך רחמנות
אויף פּיישקע דעם נאַר,
ער קען זיך ניט העלפן,
וואָס קומט אים דערפאַר.

א שאָד

נעבאקען האט מיין מאמע מיר
א קוילעטשעל א זיסען.
געהאָפט האָט די מאמע,
אז איך וועל דערפון געניסן.

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער,
די מעשה גאָר פארקערט,
צו פארזוכן פון קוילעטשעל
איז מיר ניט געווען באשערט.

„באשערט צו ניט באשערט",
כ'האָב ניט געגעסען.
פארהאַוועט האָט די מאמע זיך,
און אין קוילעטשעל פארגעסען...

ווען ס'איז פון אויוען ארוים,
האָב איך דאָס ניט דערקענט.
געווען איז דאָס אויף קויל,
אינגאנצען פארברענט....

א דאנק דעם טאטען מיט דער מאמען

קויפט מיין מאמע מיר א מאנטעלע
צו פארהיטען מיך פון קעלט,
צו מאכען מיר באקוועם,
שפּאָרט מיין טאטע ניט קיין געלט.

אויך קויפט מיר מאמע זאָקן
דער טאטע קויפט מיר שיך,
„צי פארדין איך דאָס אלץ?"
פרעג איך אלעמאָל בא זיך.

„פארוואָס טוען זיי דאָס אלץ,
און שפּאָרן אָפּ פון זיך,
טוען זיי מיר א טובה,
אָדער, איז דאָס זייער פליכט?"

אמת, ס'איז זייער פליכט,
ווייל איך בין נאָך צו קליין.
אָבער ניט דאנקבאר זיין צו זיי,
וואָלט געווען פון מיר געמיין.

האָב איך זיי זייער ליב
האָב זיי אלעמאָל אין זינען
און כ'שטרעבנג מיינע כוחות אָן
זייער גוטסקייט צו פארדינען.

קינדער-שפּיל

ווער דאַרף האָבן פלאָרידא
ווער וויל דאָס פאָרן אזוי ווייט?
אז מיר קענען פון אונזער גאָרטנדל
אויך דאָ מאַכן א לייט.

אזוי זאָגט בענעלע צו דזשענעלען,
און נעמט זי אן א זייט,
רעדט צו איר, און רעדט צו איר,
די ווערטער איר צעקייט.

„סע וועט בענעלע ניט גיין"
— רעדט דזשענעלע און שרייט —
זאָג מיר ניט, אז פלאָרידא
איז ווייטער נאָך פון ווייט.

כ'האָב די מיילן ניט געמאָסטן,
וויל שוין בענעלע פארגלעטן,
וויל מיט גוטע ווערטער
דזשענעלען איבערבעטן.

דער צווילינג

שמערקעלע און סערקעלע
א חנוודיקער צווילינג,
שיינען ביידע קינדערלעך,
ווי די זון אין מיטן פרילינג.

שפילן זיך די קינדערלאך
אלעמאָל אין צווייען,
זעלטן ווען, אז אנדערע
זאָלן צווישן זיי זיך דרייען.

איז סערקעלע די מאַמעלע
און שמערקעלע דער טאַטע,
לערנט אלעמאָל אים סערקעלע,
ניט צו זיין קיין שמאַטע.

אויף צו להכעיס שוואך איז שמערקעלע,
אטעמט ווי א בלאזאק,
און סערקעלע א זשוואווינקע,
א בריינדעלע קאזאק.

קינדער ליבע

שיינק מיר מיידעלע א לאָקעלע
האסט אזוי פיל דאָך פון זיי,
גיב מיר נאָר איין לאָקעלע,
כ׳בעט ביי דיר קיין צוויי.

איך וועל דיין גאָלדן לאָקעלע
ליב און טייער האלטן,
אין דעם בוך פון ביכער
וועל איך דאָס באהאלטן.

און ווען מיר וועלן ווערן גרויס
און זיך אין דעם דערמאָנען,
וועט דאָס ביי אונז ווערט זיין,
מער אפילו פון מיליאָנען.

זיאַמעלע און זיין מאמעלע.

האָט זיאמעלע א מאמעלע,
איז זי קלוג א חדוש!
רעדט זי א וואונדערלעכן
שיינעם, ריינעם אידיש.

קויפט זי פאר אים בולקעלעך,
קאָכט ווייכינקע פאסאליעם,
קריגט אים גראמע שיכעלאך,
ער זאל ניט ליידן פון מאזאליעם.

רעדט זי אויך צום קעצעלע
אזעלכע שיינע ווערטער,
און זי האט צוגעזאגט אויך חנה׳לען,
אז ס׳איז זיאמע איר באשערטער.

דער קריג

אותיות און ווערטער
האבן זיך גענומען קריגן,
געוואלט ווייזן דער וועלט
ווער וועמען וועט באזיגן.

זאָגט ווארט צום אות:
זינט ווען ביסטו אזא מאכער
צעוואַרף אותיות אָן ווערטער
וועט ניט לייענען אפילו א זנאכער.

ענטפערט אות דעם ווארט:
נעם מיך ארוים פון ווארט און צעשרויף עס,
און לייען מיר דאָס איבער,
ווייז דו, מיר, אזא מופת.

נעם ארוים „אלף" פון טאטע
וועלן מיר באלד זען
וואָס מיט דיין ליבן „טאטן"
וועט דאמאלס געשען.

צי פון דיין „באבע" די „ביתן"
רוק אוועק אַן א זייט,
זועסטו זען ווי פון דיין „באָבען"
וועט באלד ווערן א לייט.

דא איז שוין דאס ווארט
ניט געווען מער באשיידן,
וואס ווילט איר מיר אותיות
די ציינער פאררײדן.

שטעלט אוים אייערע אותיות
ווי אייער הארץ גלוסט,
אַן ווערטער וועט איר אלע
בלייבן זינלאָז און פוסט.

זיינען אותיות און ווערטער
געקומען צום דיכטער
און געבעטן ביי אים
ער זאל זיין זייער ריכטער.

האט דער דיכטער גענומען
צו זיי טענהן און רעדן:
מיינע טייערע, איך קען זיך
ניט באגיין אָן אייך ביידן.

אינהאלט פארצייכעניש

1 דער זיידע און די אייניקלאך
2 א סטאָליאר
3 דער זייגער-מאַכער
4 דער שווארצער אינגעלע
5 עליק׳על שוסטער
6 קליין משה׳לע-קליין שניידערל
7 דער שמיד
8 קליינער גאָלדשמיד שייקע׳לע
9 דער קליינער בעקער
10 בערעלע קענער
11 בוי איך מיר א שטיבעלע
12 בערעלע מייסטער
13 פישעלע מיט׳ן טישעלע
14 א וועגעלע מיט רעדלאך
15 רחל׳ע די פלאַנצערין
16 קליין קיילע׳ס קוילעטשעל
17 ניט געכאַפּט
18 צו וואָס נעמט מען זיך?
19 סאָסעלע קאָכט א ראָסעלע
20 יאַנטעלע מיט׳ן מאנטעלע
21 די שיכעלאך
22 מיין ניי מאַנטעלע
23 דאָס נייע מאַנטעלע
24 זי איז אויך א מאמע
25 א פערד שלאָפט שטייענדיק
26 מיין חבר׳ל
27 קעצעלע מיאו

28 דריי משפחות
29 רייזעלע-מייזעלע
30 דער ניט פארגינער
31 ציגעלע
32 מענש און פערד
33 א פייגעלע אויף מיין פענסטער
34 דאָס פישעלע
35 משה'ל מיט'ן הינטעל
36 דאָס הונגעריקע פוקס'ל
37 ווער איז בילכער?
38 דער נייער חד-גדיא
39 פעסעלע מיט'ן קעצעלע
40 די שיינע גיטעלע
41 די קליינע מאלי ווערט א כלה
42 א נארעשקייט
43 א בלימעלע אויפ'ן קעפעלע
44 זיסעלע מיט'ן ניסעלע
45 שיינדעלע מיט איר הנדעלע
46 ציפעלע מיט די צעפעלאך
47 א היטעלע
48 מלכה'לע מיט איר ליאלקעלע
49 די גרויסהאלטערין
50 א מיידעלע רעדט
51 מוטער-טאג
52 די שלום-מאכערין
53 דאָס קליינע שרייער'ל
54 רייזעלעס ניי ברודער'ל
55 מיין שליטען
56 יאנקעלעס שטעקעלע

57 אויפ'ן אייז
58 געווען איז די מאַמע גערעכט
59 פישעל דער געראַטענער
60 בערעלע מיט'ן קערעלע
61 שלמה'לע נאַשט אַ פלוימעלע
62 מאמע ראטעווע
63 דער שרעקעדיקער
64 הערשעלע שטיפער
65 אומזיסט געליטען
66 קאַפּעלע קאפעלמייסטער
67 דער קליינער קינסטלער יאסעלע
68 א פידעלע אויפ'ן פארם
69 דער שומר
70 דער קליינער אַטלעט
71 ווי אזוי ווערט מען קלוג ?
72 קום מיט מיר אין וועלדעלע
73 זע, די שטאט
74 מאַטל וויל זיין אַ גרויסער
75 אַזוי דרייט זיך די ערד ארום דער זון
76 די יוגענט
77 סיין זאך ווערט ניט פארשוויגען
78 פייש'קע ליגנער
79 אַ שאָד
80 אַ דאַנק דעם טאַטען מיט דער מאמען
81 קינדער שפיל
82 דער צווילינג
83 קינדער ליבע
84 זיאמעלע מיט זיין מאַמעלע
85 דער קריג